

*Je veux encore une fois marcher ici sur l'herbe* est dédié aux 3030 victimes juives du village natal de Reïzl Zychlinsky.

## Iles – Je veux être une négresse

## Dieu avait caché sa face

## Je veux encore une fois marcher ici sur l'herbe

# *Portes muettes* de Reïzl Zychlinsky

***Ce recueil de Reïzl Zychlinski paraît en yiddish, en 1962 sous le titre* Chvaïgndikè Tirn. Portes muettes*, la version française a été traduite et préfacée par Rachel Ertel.***

***L'un de ces poèmes rend hommage aux juifs de son village natal exterminés en Pologne.***

### Poème n°10 : *Iles*, extrait de la 1ère section « Murs »

א וואָלקן האָט זיך אויסגעצויגן
אויף אַלע פיר
און ווייסט נישט,
אויסדרייען דעם האַלדז,
אָדער נישט?
צוויי פרויען זיינען איינגעשלאָפן
ביי אַ טיש.
אין זייערע גרויע קעפ
וואָרצלען הויכע, נאַסע ביימער,
שפּיצן פייגל.
פון זייערע חלומות שיילן זיך אויס
אינדזלען —
אויף ווייטע, פאַרנעפּלטע ימען.

Un nuage s'est étiré
à quatre pattes
et ne sait
s'il doit pivoter sur son cou
ou pas ?
Deux femmes se sont endormies
à une table.
Dans leurs chevelures grises
racines profondes, troncs humides,
becs d'oiseau.
De leurs rêves s'écaillent
des îles
sur de lointaines mers brumeuses.

### Poème n°11 : *Je veux être une négresse*, extrait de la 1ère section « Murs »

כ'וויל זיין אַ נעגערין.
מיט געלע אויגן
טרינקען די לבנות.
מיט גראָבע ליפּן
זויגן שוואַרצע זאַפטן פון די נעכט.
אויף הויכע,
שוואַרצע,
דינע פיס
אַרומפליען איבער דער שטאָט,
און מיט די ראָזע פּיאַטעס אָנזאָגן —
אַ נייעם מענטש.

Je veux être une négresse.
De mes yeux jaunes
boire les lunes.
De mes lèvres épatées
boire les sucs noirs des nuits.
Sur mes jambes
longues
fines
parcourir la ville,
et des plantes roses de mes pieds annoncer
un homme nouveau.

## Poème n°12 : *Dieu avait caché sa face*, extrait de la 3ère section « Prière »

אַלע וועגן האָבן געפירט צום טויט,
אַלע וועגן.
אַלע ווינטן האָבן געאָטעמט מיט פאַרראַט,
אַלע ווינטן.
אויף אַלע שוועלן האָבן געבילט בייזע הינט,
אויף אַלע שוועלן.
אַלע וואַסערן האָבן אונדז אויסגעלאַכט,
אַלע וואַסערן.
אַלע נעכט זיינען פעט געוואָרן פון אונדזער שרעק,
אַלע נעכט.
און די הימלען זיינען געווען נאַקעט און ליידיק, —
אַלע הימלען.
גאָט האָט פאַרבאַהאַלטן זיין פּנים.

Toutes les routes menaient à la mort,
toutes les routes.
Tous les vents soufflaient trahison,
tous les vents.
Sur tous les seuils aboyaient des chiens,
sur tous les seuils.
Toutes les eaux se riaient de nous,
toutes les eaux.
Toutes les nuits s'engraissaient de nos peurs,
toutes les nuits.
Et les cieux étaient nus et vides, -
tous les cieux.
Dieu avait caché sa face.

## Poème n°13 : *Je veux encore une fois marcher ici sur l'herbe*, extrait de la 3ère section « Prière » (partie I)

***Dédié aux 3030 victimes de mon village natal qui ont péri dans les chambres à gaz de Chelmno, en Pologne, en avril 1942***

איך וויל נאָך אַמאָל דאָ גיין
איבערן גראָז,
און וויינען
פאַר דעם הימל,
און פאַר דעם ווינט,
וואָס ווייעט פאַר מיין פּנים.
איך וויל נאָך אַמאָל אויסמעסטן דאָס אומגליק
אויף אָט דעם שטיקל ערד,
וו ס'איז אַמאָל געווען מיין היים.
די טיר איז נישטאָ,
און די מאַמע —
זי וועט מער נישט אַהיים קומען
אַ פאַרשנייטע,
מיט אַ בלויען קרוג מילך אין דער האַנט, —
און מיט אַ בלויען פאַרטאָג אין די אויגן.
די פענצטער זיינען נישטאָ,
די זון וועט מער נישט וואַנדערן
פון וואַנט צו וואַנט,
פון ווינקל צו ווינקל,
און אויסצויבערן מיר
אַ גרינע קאַץ אויף אַ בענקל.
נאָר די ווערבעס ביים טייך זיינען דאָ —
מיין טרער פאַלט אַריין אין וואַסער,
און צעשטערט אויף אַ ווײַלע זייער רו.

Je veux une fois encore marcher
ici sur l'herbe
et jeter mes larmes
au ciel
et au vent
qui évente mon visage.
Je veux que mes pas prennent encore une fois
la mesure du malheur sur ce lopin de terre
où jadis se trouvait ma maison.
La porte n'est pas là
et ma mère
jamais plus ne rentrera
couverte de neige
une cruche à lait bleue à la main
et une aube bleue dans les yeux.
Les fenêtres ne sont pas là
le soleil ne se promènera plus
de mur en mur
de coin en coin
enchantant pour moi
un chat vert sur un tabouret.
Mais les saules au bord de la rivière sont là
mes larmes tombent dans l'eau
et en trouble la paix.

**Source :** *Portes muettes*, Reïzl Zychlinsky, traduit du yiddish et préfacé par Rachel Ertel (L'improviste, 2007)